# De slachtmesdochter

Avraham Sutzkever

Ze was mijn eerste liefde, het roodharige tengere meisje met de grappige zomersproetjes, als even zovele stipjes maanzaad op haar uitdagende neusje. Ik dacht destijds zelfs dat ze net zo veel sproetjes had als jaren en dat ze er ieder jaar – moge het boze oog haar sparen – een sproetje bij kreeg. Toen ik haar leerde kennen telde ik negen van die verrassinkjes op haar neus.

De straat waar wij beiden opgroeiden liep steil bergopwaarts, te beginnen bij de groene brug die de kleiachtige oevers van de Wilje verbindt, tot ver boven op de Czeskiner berg, waar de straat verandert in een zandweg die helemaal doorloopt tot aan Wilkomir. De meeste kinderen in mijn straat en zelfs heel wat volwassenen noemden het roodharige meisje 'de slachtmesdochter'.

Hoe kwam ze daaraan? Waarom hadden ze een weeskind zo'n bijnaam opgeplakt? Omdat haar vader, reb Elje, een ritueel slachter was? Ook al was dat zo, dan zou het toch rechtvaardiger zijn haar 'de slachtersdochter' te noemen. Maar zoek eens naar rechtvaardigheid, als die bij niemand te vinden is…

Vele jaren later bekroop mij vaak de lust mijn eerste of bíjna eerste liefde in woorden te schilderen. Ik schaamde me echter tot in de nagels van mijn schrijfhand, waarin het meisje zich als een wolkje in water weerspiegelde, want ik kon niet op haar naam komen – haar echte naam. En daarom gleed ze steeds van het papier als van een blaadje ijs.

Geloofd zij het geheugen. Vandaag verhoorde het mijn bede en blies mij de vergeten naam in het oor: 'Glikele'. Een steen rolde van mijn hart. Nu kan ik over haar vertellen, haar schilderen in woorden.

[…]

Het is geen winter en het is geen lente. Het loopt tegen Poeriem, nog éven-even-even en de vrolijke feestdag is daar – maar hij haast zich niet. Hij hangt aan het neuspuntje van de lente, maar op een of andere manier lukt het haar niet – de lente – te niezen. De homentasjn zijn intussen nog nergens te bekennen. Zoals altijd heeft mama ze een jaar geleden in de tuin van de buren gezaaid, ze zouden dus ieder moment moeten opkomen.

Maar voor het zover is, stuurt mama mij naar Roize-Ejdl om een haring te kopen. Mijn lieve mama heeft al lang gemerkt dat ik tuk ben op zo'n boodschap, omdat Roize-Ejdl, de haringvrouw, een zoute haring in een krantje wikkelt. Ik ben niet zozeer belust op dat zilveren zout als wel op de zoete liefdeswoordjes van de held of heldin in het feuilleton van de krant. Maar dat wordt me niet altijd door de winkelierster vergund. In plaats van met een stukje vette liefdesgeschiedenis kom ik vaak bedrogen thuis met slechts een haring.

Vandaag echter overkwam me – het was voorbestemd – iets ongewoons: ik ontmoet Glikele in het winkeltje van Roize-Ejdl. Eigenlijk kennen we elkaar al geruime tijd. Hoe kan het ook anders – we spelen in dezelfde straat en vanaf mijn binnenplaats kom je over de grauwe, gespleten schutting zo op die van haar. Maar omdat haar vader reb Elje is, en reb Elje ritueel slachter is en omdat ikzelf op de avond voor Jonkipper hoorde hoe de hanen op hem stonden te schelden – staat er nóg een schutting, een heel andere, tussen mij en zijn dochtertje.

Maar nu in Roize-Ejdls winkeltje valt die scheidsmuur weg. Wat kan Glikele eraan doen dat de hanen haar vader uitschelden? Heeft zij haar vader soms op de wereld gezet? Dat de hanen niet op Glikele schelden, daar ben ik zeker van. Het kan best zijn dat ze haar zegenen. Een jaar geleden is haar moeder aan zware kinkhoest overleden en uit medelijden met Glikele heb ik toen achter de kist gelopen tot aan de groene brug.

[…]

Glikele is nu mijn liefste en we wandelen samen naar de steenbakkerij en langs de rivier, als de maan zich in een wolk nestelt.

*Zomerlief. Lievelief. Zoem-zoem-zoem.* Zoemt er een bij door mijn aderen? Hoe dan ook, af en toe moeten wij ons bloed afkoelen in de Wilje. Maar niet waar iedereen zwemt en waar het krioelt van de jongetjes, als mieren in een mierennest. Ik gun het ze niet dat ze voortdurend met gulzige oogjes het halfnaakte lijfje van mijn liefste betasten. Vooral wanneer Glikele uit het water opduikt en de zandberg oprent, dan zou je kunnen denken dat ze niet in een hemdje maar in een golf gehuld is. En als ze hard loopt, probeert ze haar vooruitsnellende borstjes in te halen.

Daarom zwemmen wij uit de buurt van onbeschaamde blikken, een paar werst met de stroom mee, waar niemand in het water is en waar de rivier naar links afbuigt, en als je daar naar de overkant zwemt ben je in het Zakreter Woud, met zijn hoge, blauwzwarte dennenbomen, waar het midden op de dag koel en donker is als in een bron.

En hoewel Glikele zin heeft met mij de rivier over te zwemmen, ben ik bang. Ik ben bang voor de draaikolken in de rivier en voor de draaikolken in onszelf. Daar zouden we wel eens in terecht kunnen komen en te gronde gaan.

Dus wat te doen? Je moet helemaal niet nadenken. We dromen beiden van zomerliefde en we blijven dromen, overdag en 's nachts.

Na het zwemmen lig ik met Glikele op het warme, van zon-en-zomer doorstoofde zand. Kabbelende golfjes likken aan onze voetzolen. Glinsterende zonnespinsels etsen zich in het klaterende hemelblauw. We zijn allebei verzonken in een zoet stilzwijgen en loom bestrooi ik Glikele met zand. Het duurt niet lang of haar lijfje is helemaal bedekt. Alleen haar hoofd en haar springerige zonrode haren steken boven het zand uit. Zo ziet een zonnebloem eruit als ze, afgerukt door de storm, gedwee tussen het gras in de tuin ligt. Boven ons breekt een stalen lichtstraal. De dennen op de andere oever maken kapriolen in het water. Glikeles ogen zijn nu groter dan ooit, en hun kleur heeft een vleugje roze als van een primula.

Ik buig mijn hoofd over het hare en schrik er zelf van als ik de stilte verbreek: 'Nu jij je niet kunt verroeren en je handen onder het zand liggen, kan ik mijn lippen laten doen wat ze maar willen.'

In plaats van boos te worden schatert ze het uit met een gelach dat te luid is voor een weesmeisje. En haar lach scheert stoeiend over het wa-

ter en springt als een steentje ver weg naar waar de zon begint onder te gaan.

'Wat jammer dat mijn handen onder het zand liggen, nu kan ik je niet omhelzen.'

Ik probeer mee te lachen om haar schalkse antwoord, maar mijn lippen zijn machteloos. Niet Glikele maar ík lig tot aan mijn nek onder het zand en zij zal zich over mij moeten ontfermen en me bevrijden.

*Vertaling: Willy Brill en Mira Rafalowicz*

Fragmenten van 'De slachtmesdochter', uit: *Het dagboek van de Messias*. Vassallucci, Amsterdam 1998

■

איך בייג אַריבער מײַן קאָפּ איבער אירן און דערשרעק זיך פֿאַרן שניט אין דער שווייַגעניש:

– אַז דו קענסט זיך ניט רירן און דײַנע הענט זענען פֿאַרשאָטן, קען איך לאָזן טאָן מײַנע ליפּן וואָס נאָר זיי ווילן.

אַנשטאָט זי זאָל בייז ווערן, לאַכט זיך גאָר די מיידל פֿונאַנדער מיט אַ געלעכטער וואָס איז צו הויך פֿאַר אַ יתומה. און ס'געלעכטער צעטראָגט זיך שטיפֿעריש איבערן וואַסער און שפּרינגט אָפּ ווי אַ שטיינדל העט-העט ווּ עס הייבט זיך אָן דער זונפֿאַרגאַנג:

– אַ שאָד וואָס מײַנע הענט זענען פֿאַרשאָטן, איך וועל דיך ניט קענען אַרומנעמען.

איך פּרוּוו מיטלאַכן פֿון איר פֿאַרשײַטן ענטפֿער, נאָר מײַנע ליפּן ווערן גענומען אין געפֿאַנגענשאַפֿט. ניט גליקעלע – איך בין גאָר פֿאַרשאָטן ביזן האַלדז אין זאַמד און זי וועט מוזן אויף מיר זיך דערבאַרעמען און מיך באַפֿרײַען.

פֿון: משיחס טאָגבוך. תּל-אָבֿיבֿ 1973

■

ציגעלניע און פּאַזע טײַך, ווען די לבֿנה קריכט אַרײַן אין קעשענע פֿון אַ וואָלקן.

"זומערלעב. ליבעלעב. זום-זום-זום". זומט עס אַ בין אין מײַנע אָדערן? אַזוי צי אַזוי, מיר מוזן פֿון צײַט צו צײַט אָפּקילן אונדזער בלוט אין דער ווילינע. אָבער ניט ווי אַלע באָדן זיך און עס ראָיעט מיט ייִנגלעך ווי אין אַ מוראַש-קע-נעסט מיט מוראַשקעס. איך פֿאַרגין זיי ניט ס'אַרומטאַפּן אָן אויפֿהער מיט ביסטרע אײַגעלעך דאָס האַלב נאַקעטע גופֿל פֿון מײַן געליבטער. בפֿרט נאָך, אַז ווען גליקעלע שפּרינגט אַרויס פֿון טײַך און זי לאָזט זיך שפּאַנען מיטן זאַמדבערג, איז מען קאַפּאַבל צו טראַכטן, אַז אַנשטאָט אין אַ העמדל גייט זי אָנגעטאָן אין אַ כוואַליע. און לויפֿט זי – וויל זי דעריאָגן אירע פֿאָרויסלויפֿנדיקע בריסטלעך.

דעריבער באָדן מיר זיך ווײַט פֿון אַ בייז אויג, אַ פּאָר ווערסט מיטן שטראָם, וווּ קיינער באָדט זיך ניט, און דאָרטן וווּ דער וואַסער-אויסבייג פֿאַרנעמט זיך אויף לינקס, און אַז מע שווימט אַריבער דעם טײַך, איז מען אין זאַקעטער וואַלד מיט די הויכע בלוי-שוואַרצע יאָדלעס, וווּ אין מיטן טאָג איז דאָרט קיל און פֿינצטער, ווי אין אַ ברונעם.

און כאָטש גליקעלע האָט חשק מיר זאָלן אַריבערשווימען דעם טײַך – האָב איך מורא. איך האָב מורא פֿאַר די קעסלגריבער אין טײַך און פֿאַר די קעסלגריבער אין אונדזביידן. מיר קאָנען זיך אַרײַנדרייען און אַראָפּגיין צום דנאָ.

איז וואָס טוט מען? מע דאַרף גאָר ניט קלערן. דער זומערלעב חלומט אונדז ביידן און מיר לאָזן זיך פֿון אים חלומען בײַ טאָג און בײַ נאַכט.

איך ליג מיט גליקעלען, אָקערשט פֿון באָדן זיך, אויפֿן וואַרעמען, מיט זון-און-זומער אָנגעשטראַלטן זאַמדבערג. זיסע כוואַליעצינגלעך צערטלען אודזערע פּיאַטעס. גלײַנדיקע זומער-פֿעדעם גראַווירן זיך אין קלינגענדיקן בלוי. ביידע שווײַגן מיר אַ געשמאַקע שווײַגעניש און פֿאַוואָליע פֿאַרשיט איך גליקעלען מיט זאַמד. איידער וואָס-ווען איז די קליינע שוין אין גאַנצן פֿאַר-שאָטן. בלויז איר קאָפּ און די צעפּלאָסענע זון-רויטע האָר זענען אַרויס-געטוקט איבערן זאַמד. אַזוי זעט אויס אַ זונבלום, וואָס אַ שטורעם האָט אויסגעריסן און זי ליגט אַן אונטערטעניקע צווישן גראָז אין גאָרטן. איבער אונדז ברעכט זיך איבער אַ שטאָלענער שטראַל. די יאָדלעס פֿון אַנטקע-גנדיקן טײַכברעג מאַכן קאָזשעלקעס אין וואַסער. גליקעלעס אויגן זענען איצט גרעסערע ווי תּמיד און זייער קאָליר איז ווינטלדיק-ראָז ווי פֿייגלמילך.

אַ שטיין האָט זיך אַראָפּגעקײַקלט פֿון מײַן האַרץ. איך קאָן שוין וועגן איר דערציילן, זי מאָלן אין ווערטער.

[...]

ס'איז ניט ווינטער, ניט פֿרילינג. ס'איז פּורים-צײַט, ס'דאַרף אָט-אָט-אָט אָנקומען דער פֿריילעכער יום-טובֿ, נאָר ער אײַלט זיך ניט. ער הענגט אויפֿן שפּיץ נאָז פֿונעם פֿרילינג, נאָר עפּעס קאָן ער ניט, דער פֿרילינג, אַ נאָס טאָן. די המן-טאַשן זענען דערווײַל ניט ממשותדיק. ניט אַנדערש: פֿאַר אַ יאָרן האָט זיי די מאַמע פֿאַרזייט אין דערבײַיִקן גאָרטן און זיי דאַרפֿן באַלד אַרויסוואַקסן פֿון דער ערד.

נאָר איידער ס'וואַקסן אַרויס די המן-טאַשן, שיקט מיר דערווײַל די מאַמע צו רויזע-איידלען – אײַנקויפֿן אַ הערינג. מײַן גוטע מאַמע האָט שוין געוואָרפֿן אַן אויג, אַז פֿון זינט רויזע-איידל די הערינגניצע וויקלט אײַן אַ שמאַלצהערינג אין שטיקער צײַטונג, בין איך באַזונדערס להוט נאָך אַזאַ מין שליחות; מיך ציט ניט אַזוי די זילבערנע געזאַלצנקייט, ווי די זיסע ליבע-ווערטער פֿונעם העלד אָדער העלדין אין צײַטונג-ראָמאַן. אָבער ניט שטענדיק פֿאַרגינט עס מיר די קרעמערקע. אַנשטאָט מיט אַ שטיקל פּעטן ראָמאַן קום איך אָפּט אַהיים אַן אָפּגענאַרטער: בלויז מיט אַ הערינג.

הײַנט איז מיר באַשערט אַ ניט-געווײנטלעכע איבערלעבעניש: איך באַגעגן זיך מיט גליקעלען בײַ רויזע-איידלען אין קרעמל. אמת, מיר קאָנען זיך שוין אַ היפּשע צײַט. ווי זאָלן מיר זיך ניט קענען, אַז מיר פֿרייען זיך אויף דער זעלביקער גאַס, און פֿון מײַן הויף, איבער די גרויע צעשפּאַלטענע פּלאַנקענס, קומט מען גלײַך צו אירן. נאָר ווײַל איר טאַטע איז ר' עליע, און ר' עליע איז אַ שוחט און כ'האָב אַליין געהערט ווי ערבֿ יום-כּיפּור שילטן אים די הענער – האָט זיך געשטעלט נאָך אַ פּלאַנקען, גאָר אַן אַנדערער, צווישן מיר און זײַן טעכטערל.

אָבער איצטער בײַ רויזע-איידלען אין קרעמל, ווערט נעלם די מחיצה. וואָס איז גליקעלע שולדיק, אַז די הענער שילטן איר טאַטן? האָט זי דען איר טאַטן געבוירן? אַז די הענער שילטן ניט גליקעלען, בין איך זיכער. ס'קאָן אַפֿילו גרײַלעך זײַן זיי בענטשן זי. פֿאַר אַ יאָרן איז געשטאָרבן איר מאַמע פֿון אַ שווערן קײַכהוסט און אויס רחמנות אויף גליקעלען האָב איך באַגלייט דעם אָרון ביז צו דער גרינער בריק.

[...]

גליקעלע איז איצטער מײַן געליבטע און מיר שפּאַצירן צוזאַמען אויף דער

# דעם חלפּס טאָכטער

## אַבֿרהם סוצקעווער

זי איז געווען מײַן ערשטע ליבע, ס׳רויטהאָריקע שטשופּלע מיידעלע מיט באַחנטע זומער-שפּרינקלעך אויף איר האָנערדיק נעזל, ווי געצײלטע קערנדלעך מאָן. איך האָב דעמאָלט אפֿילו צוגעלאָזט אַ געדאַנק, אַז די קליינע פֿאַרמאָגט אַזוי פֿיל זומער-שפּרינקלעך וויפֿל יאָרן, און יעדער יאָר קומט איר צו, קיין עין-הרע, נאָך אַ זומער-שפּרינקל. ווען כ׳האָב מיט איר געשלאָסן קאַנטשאַפֿט, האָב איך איבערגעצײלט אויף איר נעזל נײַן מתנהלעך.

די גאַס, ווו מיר האָבן ביידע זיך געהאָדעוועט, איז געלאָפֿן אַ פֿאַרסאָפּעטע באַרג אַרויף, אָנגעהויבן פֿון דער גרינער בריק איבער די ליימיקע ברעגן פֿון דער ווויליע, ביז העט אויבן, צו די שעסקינער בערג, ווו די גאַס ווערט פֿאַרוואַנדלט אין אַ שליאַך, וואָס לויפֿט ווײַטער אַזש קיין ווילקאָמיר; און די מערסטע קינדער פֿון מײַן גאַס און אַפֿילו געגנוג דערוואַקסענע, האָבן גערופֿן ס׳רויטהאָריקע מיידעלע: דעם חלפּס טאָכטער.

אַלמאַי קומט עס איר? פֿאַר וואָס האָט מען צוגעטשעפּעט אַזאַ צונאָמען צו אַ יתומה? מחמת דעם וואָס איר טאַטע, ר׳ עליע, איז געווען אַ שוחט? אויב שוין יע אַזוי, וואָלט דאָך געווען יושרדיקער זי אָנצורופֿן דעם שוחטס טאָכטער. נאָר גיי זוך יושר, אַז ניטאָ שוין בײַ וועמען...

לאַנגע יאָרן שפּעטער איז מיר אָפּט באַפֿאַלן אַ תּשוקה צו מאָלן אין ווערטער מײַן ערשטע אָדער כּמעט ערשטע ליבע. איך האָב זיך אָבער געשעמט פֿאַר די נעגל פֿון מײַן שרײַבהאַנט, ווו דאָס מיידעלע האָט זיך געשפּיגלט ווי אַ וואָלקנדל אין וואַסער, וואָס איך געדענק ניט איר נאָמען – דעם אמתן. און ווײַל אַזוי, פֿלעגט זי תּמיד זיך אַראָפּגליטשן פֿון פּאַפּיר, ווי פֿון אַ בלעטל אײַז.

דעם זכּרון אַ לויב. ער האָט היינט פֿאַרנומען מײַן תּפֿילה און איר נאָמען דעם פֿאַרגעסענעם אַרײַנגעבלאָזן מיר אין אויער:

– גליקעלע.